# מגדים של זהב

על דרך הפלפול והחידוד

שנת תשפ"ד - גליון קלג

**פרשת בשלח**

בענין

**מו"מ בדברי שו"ת חסד לאברהם**

**בשיטת רש"י שהידור מצוה הוא דין דאורייתא**

**עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ וַיְהִי לִי לִישׁוּעָה זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ אֱלֹהֵי אָבִי וַאֲרֹמְמֶנְהוּ:** (שמות טו, ב)

## גמרא מסכת שבת

שטייט אין **גמרא מסכת שבת** (קלג, ב; וע"ע סוכה לג, א; גיטין כ, א): **תניא** - מען האט געלערנט אין א ברייתא: **זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ** - דרש'נט מען די ווארט 'ואנוהו', אז עס איז א לשון פון שיינקייט, און דעס קומט צו לערנען: **התנאה לפניו במצות** - די זאלסט מאכן מצות בדרך הידור ויופי, און די ברייתא רעכנט אויס: **עשה לפניו סוכה נאה, ולולב נאה, ושופר נאה, ציצית נאה, ספר תורה נאה וכתוב בו לשמו בדיו נאה, בקולמוס נאה, בלבלר אומן** - א סופר וואס קען גוט שרייבן, **וכורכו בשיראין נאין** - און די זאלסט צו בינדען די ספר תורה מיט שיינע שיראין.

## שיטת רש"י דדין הידור הוא מדאורייתא

שטייט אין די ערשטע משנה אין **פרק לולב הגזול** (סוכה כט, ב) אז א לולב היבש איז פסול, קומט **רש"י** דארט (ד"ה יבש) און איז מבאר פארוואס איז א לולב היבש פסול: **דבעינן מצוה מהודרת דכתיב 'ואנוהו'** - פירוש: רש"י איז מבאר אז די טעם פארוואס א לולב היבש איז פסול מדאורייתא אין יום טוב סוכות, איז וויבאלד אין די תורה שטייט 'ואנוהו', און מען דרש'נט דאך 'התנאה לפניו במצות', וועגן דעם איז 'מן התורה' פסול א לולב היבש.

פון דער רש"י איז משמע זייער קלאר (וכן כתבו גדולי האחרונים, עי' שו"ת מחזה אברהם חלק א סימן קמח, והחיי אדם כלל סח סעיף ה, ובשו"ת שואל ומשיב מהדורא תליתאה חלק ג, סימן לג ד"ה אשר) אז דער דין פון 'הידור מצוה' איז א דין דאורייתא, דהיינו עס איז דא חיוב מדאורייתא צו גיין און מהדר זיין אין מצות.

## ג' ראיות מה'חסד לאברהם' שדין הידור הוא מדאורייתא

די גרויסע גאון ואדם הגדול בענקים **רבי אברהם תאומים זצ"ל** (נכדו של החוות דעת) אין זיין ספר **שו"ת חסד לאברהם** (מהודו"ת חלק יורה דעה סימן סא) ברעגנט כמה הפלא'דיגע ראיות אז דער דין פון 'התנאה לפניו במצות' איז א דין דאורייתא, און נישט א דין דרבנן (בגליון זו אביא רק את הראיות לשיטת רש"י שדין הידור הוא דאורייתא, בעז"ה בל"נ אאריך בשיטת הראשונים החולקים על רש"י).

## ראיה א'

אין זיין ערשטע ראיה שרייבט רבי אברהם תאומים אזוי: **נראה לפי עניות דעתי להוכיח דמצוה זו דואנוהו היא מדברי תורה. חדא, דלישנא דברייתא משמע דדרשה גמורה היא, דהא אבא שאול פליג שם ואמר ואנוהו הוי דומה לו כו', הרי דמהדר לאוקמי לקרא לדרשא אחרינא, דלא נשמע ממנו מצוה דהידור, וזה מורה דלימוד גמור הוא** - פירוש: די גמרא דארט אין מסכת שבת, נאך די גמרא ברעגט אראפ די ברייתא וואס דרש'נט פון די פסוק 'זה אלי ואנוהו' התנאה לפניו במצות, זאגט די ברייתא ווייטער: **אבא שאול אומר, ואנוהו הוי דומה לו, מה הוא חנון ורחום אף אתה היה רחום וחנון** - פירוש: אבא שאול שרייבט א אנדערע לימוד פון די ווארט 'ואנוהו', דהיינו ער דרש'נט דער ווארט פון די לשון **'אני והוא'**, דהיינו, אז א מענטש זאל זיך מדמה זיין כביכול צו די מדת פון די אייבישטער, פונקט ווי די אייבישטער איז א חנון ורחום, אזוי אויך זאל א מענטש זעהן צו זיין א רחום וחנון. זאגט די חסד לאברהם, פון דעם וואס די ברייתא שרייבט **'אבא שאול**

**אומר'**, איז משמע אז אבא שאול קריגט זיך מיט די פריעדיגע דרשה, דהיינו ער האלט נישט פון די לימוד 'ואנוהו התנאה לפניו במצות', נאר ער האלט אז 'ואנוהו' מיינט אז מען דארף זיך מדמה זיין צו די מדת פון הקב"ה. איז אויב מען זאגט אז די לימוד פון 'התנאה לפניו במצות' איז א 'לימוד גמורה', דהיינו עס איז א אמת'ע לימוד און עס איז א דין דאורייתא צו האבן הידור ביי מצות, פארשטייט מען זייער גוט פארוואס אבא שאול קומט זיך קריגן אויף דעם, וויל ער גייט לכאורה האלטן אז עס איז נישט דא קיין מצוה מדאורייתא צו מהדר זיין ביי מצות, אבער אויב מען גייט האלטן אז די דין פון הידור מצוה איז נאר א דין דרבנן, און די לימוד פון 'התנאה לפניו במצות' איז נאר א 'אסמכתא בעלמא', פארוואס דארף אבא שאול קומען זיך קריגען אויף די ערשטע לימוד, און זאגן אז 'ואנוהו' איז בכלל נישט משמע א לשון פון שיינקייט, נאר א לשון פון 'אני והוא', די גאנצע לימוד איז דאך נאר אן אסמכתא, און ביי אסמכתא דארף מען זיך נישט קריגען נאר מען קען לערנען ביידע וועגן!? איז על כרחך משמע פון די לשון 'אבא שאול אומר', אז אבא שאול קריגט זיך מיט תנא קמא, איז משמע פון דעם אז לפי די תנא קמא, לערנט מען ארויס מיט א דרשה גמורה - דהיינו א א דין דאורייתא - אז עס איז דא א מצוה עשה פון 'התנאה לפניו במצות', דהיינו מען דארף מהדר זיין ביי מצות.

## הערה על ראיה א'

די ראיה פון די חסד לאברהם איז זייער שיין, אבער מען דארף מציין זיין אז די **ריטב"א** דארט אין מסכת שבת שרייבט בהדיא: **אבא שאול וכו', לא פליג אתנא קמא, אלא דמר דריש הכי ומר דריש הכי** - פירוש: די ריטב"א קומט שולל זיין דער דיוק פון די חסד לאברהם, אז אה"נ מפשטות לשון הברייתא איז משמע אז אבא שאול איז 'מחולק' מיט דער תנא קמא, אבער אפילו אזוי לערנט מען נישט אזוי פשט אין די ברייתא, נאר די ברייתא ברענגט אראפ צוויי דרשות פון תנאים אויף דער פסוק, ווי איינער דרש'נט 'ואנוהו' התנאה לפניו במצות, און איינער דרש'נט 'ואנוהו' בלשון אני והוא. לפי דער ריטב"א איז די ראיה פון די חסד לאברהם לכאורה אפגעפרעגט.

## ראיה ב'

די צווייטע ראיה שרייבט די חסד לאברהם: **וכן נראה מפירוש רש"י ריש פרק לולב הגזול, והתוספות שם לא דחי פירוש רש"י רק דמצוה דואנוהו לא מהני דיעבד אבל לא עלה על דעתם ולומר שאין זה רק מדברי סופרים** - פירוש: די חסד לאברהם ברענגט אראפ די רש"י וואס מען האט פריער געברענגט ווי פון רש"י איז משמע בהדיא אז די דין פון הידור איז א דין דאורייתא, און ער לייגט צו אז לכאורה איז משמע אז תוספות דארט אין סוכה האלט אויך אזוי.

וויל **תוספות** קומט דארט אין מסכת סוכה (ד"ה לולב היבש פסול) און פרעגט אויף רש"י: **ולא כמו שפירש הקונטרס משום דכתיב זה אלי ואנוהו, דאין ואנוהו אלא לכתחלה ולא מיפסל בהכי, כדמוכח פרק קמא** (סוכה יא, ב) **דאמרי רבנן לולב מצוה לאוגדו, משום שנאמר זה אלי ואנוהו, לא אגדו כשר** - פירוש: תוספות ברענגט אראפ א גמרא וואס שטייט פריער אין מסכת סוכה, ווי די גמרא זאגט, אז עס איז דא חיוב צו צובינדען די ד' מינים, וויל עס שטייט אין פסוק 'זה אלי ואנוהו', זאגט אבער די גמרא דארט 'לא אגדו כשר' דהיינו, אויב מען האט נישט צוגעבינדען די לולב איז די לולב כשר, זעהט מען לכאורה פון דער גמרא אז דער דין פון 'ואנוהו' איז נישט מעכב, און בדיעבד איז עס כשר. אויב אזוי קומט תוספות און פרעגט אויף רש"י, אויב איז אמת אז די טעם הפסול פון לולב היבש איז מכח די מצות עשה פון 'ואנוהו', וואלט געדארפט זיין די דין אז לולב היבש איז 'בדיעבד' כשר, אזוי ווי ביי לולב צריך אגד? נאר על כרחך איז נישט דעם די טעם פארוואס א לולב היבש איז פסול, און תוספות שרייבט א אנדערע טעם.

קומט דער חסד לאברהם ברוב חריפותו און זאגט, אויב איז אמת אז תוספות האט געהאלטען אז די דין פון הידור ביי מצות איז נאר א דין דרבנן, און נישט קיין דין מדאורייתא, וואלט תוספות פשוט געדארפט פרעגן אויף רש"י: פארוואס שרייבסטו אז לולב היבש איז פסול וועגן 'ואנוהו', דער טעם פון 'ואנוהו' איז דאך נאר א דין דרבנן, און אין די משנה איז משמע אז דער לולב היבש איז פסול 'מדאורייתא'? און פארוואס האט תוספות געדארפט פרעגן אויף רש"י נאר מכח א גמרא אין דף יא, וואס דארט איז משמע אז דער מצוה פון הידור מצוה איז נישט מעכב בדיעבד? נאר על כרחך זעהט מען פון דער תוספות, אז אויך תוספות האט געהאלטן אז די דין פון הידור מצוה איז א דין דאורייתא, נאר די גאנצע קשיא פון תוספות אויף רש"י איז געווען, אז אפילו עס איז א מצוה דאורייתא, איז עס נישט מעכב, און בדיעבד איז מען יוצא.

## הערה על ראיה ב'

מען דארף מציין זיין, אז די גרויסע גאון און שר התורה **רבי יצחק אלחנן ספקטור זצ"ל** אין זיין ספר **עין יצחק** (קמא, סימן ד) איז מאריך אין דער סוגיא פון הידור מצוה צו עס איז א דין דאורייתא מדרבנן, ובתוך הדברים שרייבט ער: **וכן י"ל דמה שמבואר בסוכה** (כט, ב) **בתוספות ד"ה לולב יבש פסול כו', דרש"י סבירא ליה דזהו משום דכתיב זה אלי ואנוהו,**

**והתוספות הקשו עליו דאין זה אלא לכתחילה ולא מיפסל בהכי כו' "די"ל דפליגי אם זהו מן התורה או רק מדרבנן"** - פירוש: רבי יצחק אלחנן האט אפגעלערנט די קשיא פון תוספות, אז דעס וואס תוספות פרעגט אויף רש"י 'דאין ואנוהו אלא לכתחילה' מיינט ממש דעס תוספות צו זאגן, דהיינו, רש"י שרייבט אז די טעם הפסול מדאורייתא פון לולב היבש איז מכח דער דין פון 'הידור מצוה', זאגט תוספות עס קען נישט זיין, ווייל אויב וואלט דער טעם געווען משום הידור מצוה, איז עס דאך נאר א דין לכתחילה, ווייל די דין פון הידור מצוה איז נאר א דין 'דרבנן', און בדיעבד איז עס נישט מעכב. זעהט מען פון דעם אז רבי יצחק אלחנן האט אפגעלערנט אז תוספות, קריגט זיך ממש אויף דער דין מיט רש"י, אז רש"י האט געהאלטן אז 'הידור' איז א דין דאורייתא, און תוספות זאגט אז פון דעם וואס מען זאגט אז 'בדיעבד' איז 'הידור' נישט מעכב [אזוי ווי מען זעהט ביי די אגד פון לולב], על כרחך אז דער דין פון הידור איז נישט קיין דין דאורייתא.

די גרויסע גאון און בקי נפלא **רבי הירש פסח פראנק זצ"ל** און זיי ספר **הר צבי** (סוכה, שם) ברענגט אראפ דער 'עין יצחק', און ער ברענגט א שטארקע ראיה צו דער מהלך, און ווי ער שרייבט בקיצור: **ויש להעיר מתוספות חולין דף י, ב, ד"ה אלא לאו, שכתבו דבדאורייתא אין לחלק בין לכתחילה לדיעבד.**

פירוש: שטייט אין גמרא אין מסכת חולין (י, ב): **מנא הא מילתא דאמור רבנן 'אוקי מילתא אחזקיה'** - פירוש: ווי איז דא א מקור אין די תורה אויף דעם וואס די חכמים האבן געזאגט אז מען גייט נאך חזקה, דהיינו, ווען עס איז זיך נתעורר א ספק אויף עפעס א דין מדיני תורה, צו עס איז נשתנה געווארן צו נישט, גייט מען נאך 'חזקתו הראשונה', און מען זאגט אז ווילאנג מען ווייסט נישט פאר זיכער אז עס איז נשתנה געווארן איז די דין אזוי ווי 'חזקתו הראשונה'? **אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן, אמר קרא** (ויקרא יד, לח) **וְיָצָא הַכֹּהֵן מִן הַבַּיִת אֶל פֶּתַח הַבָּיִת וְהִסְגִּיר אֶת הַבַּיִת שִׁבְעַת יָמִים, דילמא אדנפיק ואתא בציר ליה שיעורא, אלא לאו משום דאמרינן אוקי אחזקיה** - פירוש: אין פסוק שטייט, נאך וואס די כהן האט געזעהן א נגע אין א הויז, וואס די נגע האט געהאט א מראה טמא, און עס האט געהאט א שיעור טומאה, דארף ער ארויסגיין פון די הויז, און עס פארשפארן פאר א וואך צייט. און לכאורה איז שווער, אפשר פון ווען די כהן האט געזעהן די נגע, ביז ער איז ארויסגעגאנגען איז די נגע אביסל קלענער געווארן, און אויב אזוי קומט אויס ווען די כהן פארשפארט די הויז, פארשפארט ער א הויז וואס האט בעצם נישט קיין נגע [ווייל עס אפשר איז עס דאך קלענער געווארן פון די 'שיעור נגע'], און די גאנצע 'הסגר' האט נישט קיין דין 'הסגר'? נאר על כרחך זעהט מען פון דעם, אז מען זאגט 'העמד דבר על חזקתו', דהיינו ווילאנג איך ווייס נישט זיכער אז די נגע האט זיך געטוישט זאגט מען אז עס איז געבליבן אזוי ווי פריער, און דא ביי די כהן, זאגט מען אז פון ווען די כהן האט געזעהן די נגע ביז ער איז געגאנגען פארשפארן די הויז, איז די נגע געבליבן אויף זיין חזקה, און עס איז טמא, און אויב אזוי איז די 'הסגר' פון די כהן א גוטע 'הסגר'.

קומט דארטן **תוספות** (ד"ה אלא לאו) און פרעגט: **ואין לומר דשאני הכא דאזלינן לחומרא** - פירוש: פון דער גמרא איז בעצם נאר דא א ראיה אז מען זאגט דער דין פון 'העמד דבר על חזקתו', נאר לגבי צו קומען מחמיר זיין, דהיינו אז מען זאגט אז די נגע איז געבליבן טמא אזוי ווי פריער, און פון ווי וועט די גמרא האבן א מקור אז מען גייט זאגן 'העמד דבר על חזקתו' אפילו אויף א אופן ווען עס גייט ארויסקומען א קולא?

ענטפערט תוספות: **דמדאורייתא אין לחלק!** - פירוש: תוספות ענטפערט אז ביי א דין דאורייתא איז מען נישט מחלק בין חומרא לקולא.

און כדי צו פארשטיין ווי אזוי רבי הירש פסח האט אפגעלערנט דער תוספות, וועלן מיר אראפ ברענגען א שטיקל וואס בן דורו הגאון הנפלא ביותר **רבי אליהו שלעזינגער זצ"ל**[1] בעל מחבר ספר **יד אליהו** על הש"ס שרייבט אויף דער תוספות, וזה לשונו: **והיינו דמדאורייתא אין שייך לומר, רק או אסור לגמרי או מותר לגמרי, רק בדבר שהוא מדרבנן שייך לומר בו דאזלינן לחומרא. ועיין גיטין פרק ב', בר"ן על המשנה, אין כותבין במחובר שם, וזה לשונו, דליכא למימר לכתחלה הוא דאין כותבין אבל דיעבד כשר, דהא כיון דפסולא דאורייתא הוא אפילו בדיעבד אית לן למיפסליה** - פירוש: רבי אליהו איז מבאר דער תוספות, אז ווען מען רעדט פון א 'דאורייתא' קומט נישט אריין צו זאגן אז 'די תורה האט מחמיר געווען' אדער 'די תורה האט מיקל געווען', דהיינו, ווען די תורה זאגט אז 'מען גייט נאך חזקה', מיינט עס אז אייביג גייט מען נאך חזקה, לא שנא לקולא ולא שנא לחומרא, אפילו די עצם מקור פון ווי מען לערנט עס ארויס איז מקור וואס די חזקה גייט קומען 'מחמיר' זיין, אפילו אזוי איז נישט שייך צו זאגן אז דא האט די תורה 'מחמיר' געווען. ווייל ביי דיני תורה איז נישט שייך די לשון 'אזלינן לחומרא או לקולא', נאר ביי א דין דרבנן, איז שייך

---

1 הגאון המופלא הזה לא זכה למה שזכו אחרים שספרו יתפרסם בתוך כלל ישראל, אבל כל מי שמסתכל בספריו הנפלאים 'יד אליהו' על הש"ס [בהוצאת מוה"ק] ישתומם למראה עיניו לנוכח בקיאותו הנפלאה שאין לו אח וריע בדורות האחרונים, ועצתי אמונה - שהרוצה לזכות לחשקת ולצימאון התורה לדפדף בין דפי ספרו.

צו זאגן אז 'מען גייט לקולא' אדער 'מען גייט לחומרא'. און רבי אליהו איז מדמה דער תוספות צו א ר"ן אין מסכת גיטין וואס זאגט ווען מען רעדט פון א דין דאורייתא איז נישט שייך צו זאגן אז עס איז נאר א 'דין לכתחילה', און 'מדיעבד' קען מען מיקל זיין, נאר ווען די תורה זאגט עפעס דארף מען טוהן וואס די תורה הייסט - סיי לכתחילה און סיי בדיעבד.

און דעם איז געוועהן די כונה פון רבי הירש פסח וואס שרייבט, אז די פשט פון רבי יצחק אלחנן אין תוספות אין מסכת סוכה, שטומט זייער גוט מיט תוספות אין מסכת חולין, וואס דארט איז משמע אז אויב הייבט אן צו רעדן פון דיני 'לכתחילה ובדיעבד' איז על כרחך אז מען רעדט פון א דין דרבנן און נישט פון קיין דין דאורייתא. און אויב אזוי ווען תוספות האט געפרעגט אויף רש"י אין מסכת סוכה, אז מען זעהט אז די גמרא זאגט אויף די לימוד פון 'ואנוהו' אז נאר לכתחילה דארף מען מאגד זיין די לולב, אבער 'אם לא אגדו כשר', האט תוספות געמיינט צו זאגן, אז מען זעהט בעל כרחך, אז דער דין פון 'הידור מצוה' איז נאר א דין דרבנן און נישט קיין דין דאורייתא. כפתור ופרח!

### ראיה ג'

אין די דריטע ראיה שרייבט די חסד לאברהם: **ונראה לפי עניות דעתי עוד ראיה ברורה לזה ממה ששנינו בברייתא דשבועות** (יא, ב) **פרה נפדית על כל פסול שבה כו', מצא אחרת נאה הימנה תפדה, מבואר מזה דאף דקיימא לן כל שהתחיל לעשות מצוה בחפץ זה אף שנזדמן לו לעשות מצוה זו מהמובחר אין לדחות חפץ הראשון מקיום מצוה זו, כמו שהוכיח בשו"ת שבות יעקב חלק א, סימן לז, ואפילו הכי, כשמצא נאה הימנה היא נפדית ונדחית ומביא אחרת תחתיה, ועל כרחך דלימוד גמור היא וחיובא רמיא עליה מן התורה להדר המצוה במה דאפשר.**

פירוש: די גמרא אין **מסכת שבועות** (יא, ב) ברענגט א ברייתא ווי עס שטייט: **מצא** - דער ממונה אויף די פרה אדומה האט געטראפן **אחרת נאה הימנה** - א צווייטע פרה אדומה וואס איז שענער ווי די ערשטער, **תפדה** - דארף מען גיין אויסלייזן מהקדושה די ערשטע פרה אדומה וואס איז נישט אזוי שיין, און מקדיש זיין די צווייטע פרה, פאר די מצוה פון פרה אדומה.

פרעגט די חסד לאברהם אז לכאורה איז שווער אויף דער גמרא, די כלל איז דאך אז ווען איינער האט אנגעהויבן צו טוהן א מצוה, אפילו יעצט קומט אים אונטער צו טוהן די מצוה מער מן המובחר, טאר ער נישט אפלאזן די מצוה וואס ער האט אנגעהויבן, און גיין טוהן די מצוה וואס איז מער מן המובחר, און ער ברענגט אז אזוי פסק'נט דער **שבות יעקב** לגבי נירות חנוכה (עיי"ש) איז פארוואס דא ביי פרה אדומה זאגט מען 'מצא אחרת נאה הימנה, תפדה'? נאר על כרחך זעהט מען פון דעם, אז דער כח פון 'נאה הימנה', דהיינו דער דין אז מען דארף מהדר זיין ביי מצות איז א דין דאורייתא, און וועגן דעם, קומט דער דין דאורייתא פון 'הידור מצוה' און איז דוחה דער כלל פון 'כל שהתחיל לעשות מצוה בחפץ זה אף שנזדמן לו לעשות מצוה זו מהמובחר אין לדחות חפץ הראשון מקיום מצוה זו'.

### הערה א' על ראיה ג'

לכאורה איז זייער שווער אויף די חסד לאברהם, ווייל זיין גאנצע ראיה איז געבויעט אויף א שבות יעקב, וואס פסק'נט אז מען טאר נישט אפלאזן א מצוה, אויב מען קען טוהן דער מצוה מער מן המובחר. און דער שבות יעקב דארט אין די תשובה אליינס פרעגט אויף זיין כלל: **ואין לסתור דין זה מהא דאמרינן 'מצא אחרת נאה הימנו', משום דהתם עדיין לא התחיל במצוה!** - פירוש: דער שבות יעקב אליינס ברענגט דער גמרא פון מסכת שבועות, וואס איז לכאורה סותר זיין פסק, און ער איז מבאר אז פון פרה אדומה איז נישט קיין ראיה אפצופרעגן, ווייל ביי פרה אדומה האלט מען נאך פאר 'תחילת המצוה', דהיינו מען האט נאך נישט אנגעהויבן צו טוהן די עבודה פון פרה אדומה, און מען האלט נאך נישט אינמיטן די מצוה, וועגן דעם מעג מען נעמען די אנדערע פרה אדומה וואס איז שענער. איז משמע פון דער שבות יעקב, אויב מען האט שוין ממש אנגעהויבן צו עוסק זיין מיט די מצוה פון פרה אדומה, איז אפילו 'מצא אחרת נאה הימנה' מעג מען נישט טוישן. וצע"ג.

### הערה ב' על ראיה ג'

אסאך אחרונים (עי' שו"ת ראשי בשמים אורח חיים, סימן ד, אות ד; שו"ת מהרש"ם חלק א סימן י, ד"ה יש) זענען מציין, אז אפילו די מאן דאומרים וואס האלטן אז דער דין פון הידור מצוה איז נאר מדרבנן, איז ביי 'עניני קרבנות', וועלן זיי מודה זיין אז עס איז א דין דאורייתא. ווייל אין די **מסכת יומא** (לד, ב) דרש'נט אויפן פסוק (במדבר כח, ד) **אֶת הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר** - די ווארט 'אחד' קומט צו לאזן הערן **'המיוחד שבעדרו'**, דהיינו מען דארף ברענגן די שענסטע קרבן, אויב אזוי איז ביי קרבנות דא א עקסטערע דרשה אז מען דארף 'מהדר' זיין אויף א שיינע קרבן.

לפי זה, איז אפגעווענט די דריטע ראיה פון די חסד לאברהם, ווייל די ראיה פון די חסד לאברהם איז דאך פון 'פרה אדומה', און ביי קרבנות איז דאך דא א נייער לימוד, אז מען דארף מהדר זיין אויף א שיינע קרבן, משא"כ די לימוד פון זה אלי ואנוהו, קען זיין איז טאקע נאר אן אסמכתא בעלמא, און נאר א דין דרבנן.

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com